"אין ווּנדערלעכן לשון"

בינעם העלער

אין ווּנדערלעכן לשון פֿון די ייִדן
דער ענטפֿער איז פֿאַראַן אין סאַמע פֿרעגן,
פּונקט ווי די זון וואָס הערט נישט אויף צו זידן
אין טראָפּנס פֿונעם כליפּענדיקן רעגן.

די ווערטער וואַרפֿן–אָן אַזאַ מין כּוח,
אַ תּאווה –– זיך אַליין צו לאָזן הערן,
כאָטש יעדע פֿרייד זיי ברענגען–אויף אין טרויער
און יעדן שמייכל באָדן זיי אין טרערן.

און ערשט דער ניגון –– הערט זיך צו צום ניגון,
וואָס שמידט די קלאַנגען ענג צונויף אין רינגען.
ער צווינגט, אַז אויך דער ווייטיק זאָל פֿאַרוויגן;
ער צווינגט, אַז אויך דער קרעכץ זאָל נעמען זינגען.

*****

"דו פֿרעגסט"

בינעם העלער

מיַין פֿריַינד, דו פֿרעגסט, ווּ איז דאָס ניַיע ליד? ––
דאָס ניַיע ליד וועט קומען, קומען...
אין גאָרטן פֿון מיַין ייִדיש לשון בליט
די שפֿע פֿון ישׂראלדיקע בלומען.

אַוודאי איז מיר נאָענט נאָך דער ווינט,

וואָס יאָגט אַרום די וואָלקנס איבער וועגן.
נאָר פֿון דער בלויקייט וועט נישט ווערן בלינד
מײַן אויג, וואָס איז געוווינט צו שניי און רעגן.

ס'וועט בײַשטיין מיר מײַן מאַמעס אַלטער סכות --
אַ טרערנפֿלעק אויף געלע תחינה–בלעטער.
איך וואַרט איצט אויף איר זיפֿץ, ווי אויף אַ גרוס --
און דאָס געזאַנג וועט קומען שפּעטער.

*****

"דאָס ייִדישע ליד"

בינעם העלער

דאָס ייִדישע ליד פֿון מײַן וויג
האָט איבער מײַן לעבן גערוט.
איך בין נישט געגאַנגען אין קריג,
איך האָב נישט פֿאַרגאָסן קיין בלוט.

די אָרעמקייט האָט מיך געבענטשט
צו זוכן אין פראַצע מײַן ברויט.
איך האָב נישט געשטרעקט צו קיין מענטש
דעם פֿינצטערן מכשיר פֿון טויט.

געוווינגן האָב איך און געהער
די שטילקייט פֿון אייגענעם קול,
און פֿײַנט כ'האָב געהאַט דאָס געווער
און קלינגען פֿון רציחישן שטאָל.

דאָס ייִדישע ליד פֿון מײַן וויג
אין פֿרידן פֿאַר גאָט און פֿאַר לײַט —
דאָס ליד פֿון דער קלאָרוואַסער ציג
איז שטאַרקער געווען פֿון דער צײַט.

אַ טאַנק האָט צעשמעטערט אַ טאַנק,
און מאָרד האָט פֿאַרשלונגען דעם מאָרד;
אַנשטאָט אַן אַרמיי אין געזאַנג —
געבליבן איז בלוט אויף איר אָרט.

מר איבער דער כאָרעוועך ערד
מײַן וויג הייבט זיך אויף און זי פֿליט —
אין שטילקייט ווערט ווידער געהערט
דאָס פֿרידלעכע ייִדיש ליד.

*****